**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט מער ווי $484 מיליאן פאר בריק NY געלטער איבערצובויען און איבערלייגן נייע לאקאלע בריקן און קאלווערטס**

***גיבט געלטער פאר 216 פראיעקטן און 137 קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק***

***פראגראם שטיצט באמיאונגען צו פארהערטערן קריטישע אינפעסטרוקטור און מאכן לאקאלע קאמיוניטיס מער שטאנדהאפטיג קעגן די השפעה פון קלימאט טוישונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגערופן די באלוינונג פון איבער 484 מיליאן דאלער אין פארבעסערטע הילף פאר 137 לאקאלע גאווערמענטס לענגאויס די סטעיט צו באארבעטן און איבערלייגן נייע בריקן און קאלווערטס, פארבעסערן זיכערהייט און פארמערן שטאנדהאפטיגקייט און אנהאלטונג פון ניו יארק'ס נויטיגע טראנספארטאציע אינפעסטרוקטור. די געלטער, געגעבן דורך די סטעיט'ס BRIDGE NY איניציאטיוו מיט באדייטנדע שטיצע פון די פעדעראלע בריק פארמיולע פראגראם ( Bridge Formula Program), וועט שטיצן 216 עקסטערע פראיעקטן, און וועט העלפן לאקאלע גאווערמענטס אין יעדע ראיאן פון די סטעיט פארהערטערן זייער עקזיסטירנדע אינפעסטרוקטור כדי זיי זאלן זיך בעסער קענען האלטן קעגן שווערע וועטער געשעעניש און קענען אויסשטיין די השפעה פון קלימאט טוישונגען. די סטעיט'ס BRIDGE NY איניציאטיוו שטיצט פראיעקטן וואס וועלן פארמינערן די ריזיקע פון פארפלייצונגען און פארבעסערט די שטאנדהאפטיגקייט פון סטרוקטורן, בשעת'ן אויך צוברענגען ראיאנישע עקענאמישע פארמעסטונגען און האלט וויכטיג פראיעקטן וואס גיבט צו ענווייראמענטאלע רעכטע קאמיוניטיס.

"בעת ניו יארק לעבט ווייטער ערשטהאנטיג מיט די נאכפאלגן פון קלימאט טוישונגען, דארפן מיר מאכן קריטישע אינפעסטרוקטור פארשריטן כדי אונזערע קאמיוניטיס זאלן קענען אויסשטיין די עקסטרעמע וועטער וואס וועט נאך קומען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ארבעטנדיג נאנט צוזאמען מיט לאקאלע גאווערמענטס, אינוועסטירן מיר מיליאנען צו פארהערטערן איבער 200 בריקן און קאלווערטס לענגאויס די סטעיט, פארמערנדיג פאבליק זיכערהייט און מאכנדיג די סטרוקטורן גרייט פאר סיי וואס "מוטער נאטור" וועטווארפן איוף אונז."

די היינטיגע מעלדונג בויט זיך אויף די איבער 1.23 ביליאן דאלער וואס איז שוין פריער באלוינט געווארן צו לאקאלע גאווערמענטס אונזערע די BRIDGE NY איניציאטיוו. אלס טייל פון די סטעיט'ס היסטארישע, 33 ביליאן דאלער קאפיטאל פלאן אדאפטירט אין 2022, איז 1 ביליאן דאלער אוועקגעלייגט פאר BRIDGE NY, וואס דאפלט די פראגראם אויף א שטארקע פארנעם. די שענקונגען וואס זענען היינט געמאלדן געווארן זענען אויסגעוועלט געווארן באזירט אויף אינפוט פון ראיאנישע און מעטראפאליטען פלאנירונג ארגאניזאציעס און די געלטער וועלן שטיצן אלע פאזעס פון די פראיעקטן, אריינרעכענענדיג דעזיין, ערהאלטונג פון די נויטיגע ערלויבענישן און קאנסטרוקציע.

הויכפונקטן פון די BRIDGE NY באלוינונגען רעכענען אריין:

- **קאפיטל ראיאן (43.1 מיליאן דאלער)** - 4.750 מיליאן דאלער פאר אלבאני קאונטי פאר'ן איבערלייגן א נייע סופערסטרוקטור סאוט אלבאני ראוד בריק איבער וואניסקעטהא טייך
- **צענטראל ניו יארק ראיאן (37.5 מיליאן דאלער)** - 2.569 מיליאן דאלער פאר קאיאגא קאונטי פאר'ן איבערלייגן א נייע סופערסטרוקטור נארט אלבאני דעוויזשן בריק איבער אוועסקא וואסער-ארויסגאנג
- **פינגער לעיקס ראיאן (46.4 מיליאן דאלער)** - 5 מיליאן דאלער פאר מאנראו קאונטי פאר'ן איבערלייגן א נייע סופערסטרוקטור טערק היל ראוד בריק איבער טהאמעס טייך
- **מיד האדסאן ראיאן (63.5 מיליאן דאלער)** - 5 מיליאן דאלער פאר יעדע ווילעדש/טאון פון מאונט קיסקא פאר'ן איבערלייגן נייע פרעסטאן וועי בריק איבער מעטרא-נארט רעילראוד הארלעם ליין, די ארענדש קאונטי דעפארטמענט אוו פאבליק ארבעט ( Orange County Department of Public Works) פאר'ן איבערלייגן סטערלינג לעיק ראוד בריק איבער רינגוואוד ריווער און פאר די אלסטער קאונטי דעפארטמענט אוו פאבליק ארבעט פאר'ן איבערלייגן דענינג ראוד בריק איבער עיסט ברענטש נעווערסינק טייך
- **מאוהאק וואלי ראיאן (40.2 מיליאן דאלער)** - 4.35 מיליאן דאלער פאר די טאון אוו מארילענד פאר'ן איבערלייגן א נייע טענערי סטריט בריק איבער זשן בריק איבער שענעווס טייך
- **נארט קאונטי ראיאן (43.4 מיליאן דאלער)** - 5.796 מיליאן דאלער פאר סט. לאווערענס פאר'ן איבערלייגן א נייע רוט 49 בריק איבער עיסט ברענטש אוו סט. רעגיס טייך
- **דרום טעיר ראיאן (58 מיליאן דאלער)** - 5.223 מיליאן דאלער פאר סטאבען קאונטי פאר'ן איבערלייגן א נייע נאקאום ראוד בריק איבער קעניסטיא טייך
- **מזרח ניו יארק ראיאן (77.4 מיליאן דאלער)** - 4.697 מיליאן דאלער פאר די סיטי אוו באפעלא פאר'ן איבערלייגן א נייע ווערן ספען וועי בריק איבער קאזענאוויע טייך
- **לאנג איילענד ראיאן** - $910,000 פאר די טאון אוו ברוקהעיווין פאר'ן איבערלייגן א נייע בארטאן אוועניו קאלווערט וואס טראגט סוואן ריווער סטרים
- **ניו יארק סיטי ראיאן (73.8 מיליאן דאלער)** - 18.5 מיליאן דאלער פאר די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון טראנספארטאציע פאר'ן איבערלייגן א נייע בעלט פארקוועי בריק איבער אושן אוועניו און בעדפארד אוועניו

זעט א פולקאמע ליסטע פון די [BRIDGE NY באלוינונגען.](#)

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע קאמישענער מארי טעריז דאמינגאז האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט אז גיין קעגן די שוועריגקייטן פון קלימאט טוישונגען פארלאנגט א צוזאמענארבעט און אונטער איר פירערשאפט בלייבט ניו יארק סטעיט געטריי צו ארבעטן מיט אונזערע לאקאלע שותפים צו פארבעסערן פאבליק זיכערהייט דורכ'ן פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט און אנהאלטס קראפט פון אונזער אינפעסטרוקטור. די BRIDGE NY געלטער וואס מיר מעלדן היינט וועט געבן קריטיש וויכטיגע פינאנציעלע שטיצע פאר לאקאלע גאווערמענטס צו פארהערטערן זייערע בריקן און קאלווערטס קעגן די דראנונגען פון שווערע וועטער וואס קומען אונז אנטקעגן און העלפן האלטן ניו יארקער פארזיכערט און אנגייענד."

**סעניטער קירסטען גיליבראנד האט געזאגט,** "בשעת עקסטרעמע וועטער געשעענישן ווערן מער באקאנט, איז נויטיג אז מיר אינוועסטירן אין פארשטערקערן אינפעסטרוקטור צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט. די 484 מיליאן דאלער אין BRIDGE NY געלטער וועט העלפן ברענגען קריטיש-וויכטיגע פארבעסערונגען אויף די זיכערהייט, שטאנדהאפטיגקייט און אנהאלטס-קראפט פון אונזערע בריקן און קאלווערטס לענגאויס ניו יארק סטעיט. איך אפלאדיר די אינוועסטמענטס און איך בין שטאלץ צו שטיצן

גאווערנער האקול'ס אנגייענדע באמיאונגען צו פארשטערקערן און באשיצן אינפעסטרוקטור לענגאויס ניו יארק סטעיט קעגן די נאכפאלגן פון קלימאט טוישונגען."

**פארשטייער גרעיס מענג האט געזאגט,** "די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ, וועלכע איך האב געשטומט פאר עס דורכצופירן אין קאנגרעס, מאכט היסטארישע אינוועסטמענטס אין פארבעסערונגען צו ראודס, בריקן, און וואסער אינפעסטרוקטור וואס וועט העלפן שאפן א זיכערע און אנהאלטנדע צוקומפט פאר די קומענדיגע דורות. די געלטער וואס מען האט געמאלדן היינט איז נאר נאך א ציגל אין די צען אינפעסטרוקטור יארן וואס מיר לעבן דורך אין ניו יארק און לענגאויס די לאנד. אלס אונזער סטעיט'ס פארשטייער אויף די ראיאנישע פירערשאפט קאונסל (Regional Leadership Council) - וואס ארבעט צו ברענגען און איינפירן לעגיסלאציע אונטערגעשריבן דורך פרעזידענטביידען - בין איך שטאלץ צו זען די פעדעראלע געלטער אנקומען צו מיוניסיפילעטיס, אינוועסטירנדיג אין שטאנדהאפטיגקייט, און העלפן אונזערע קאמיוניטיס באקעמפן די אנגייענדע נאכפאלגן פון קלימאט טוישונגען."

**הויז דעמעקראטישע פירער האקים דשעפריס האט געזאגט,** "אן די בעלט פארקוועי, וועלן צענדליגע טויזנטער ניו יארקער פארלירן זייער מעגליכקייט צו באזוכן פאמיליע מיטגלידער, אנטייל נעמען אין די עקענאמיע און צוטריט צו אלעס וואס אונזער סיטי אפפערט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלעיטער פאר'ן איבערגעבן 73.8 מיליאן דאלער צו איבערבויען אונזערע צובראכענע בריקן לענגאויס די בעלט פארקוועי און זיי באשיצן פון די צוקומפטיגע נאכפאלגן פון קלימאט טוישונגען."

**סטעיט סעניטער דשערעמי א. קאני האט געזאגט,** "פאר יארן האבן מיר שוין געהערט איבער אן אומגעווענליכע געברויך פאר אינוועסטמענטס אין אונזערע ראודס און בריקן. מיט די היינטיגע מעלדונג, גיבט גאווערנער האקול איבער היסטארישע דאלארן צו לאקאלע גאווערמענטס כדי זיי זאלן ערפילן די געברויך. איבער 200 בריק און קאלווערט פראיעקטן לענגאויס די סטעיט וועט העלפן האלטן אונזערע ראודס פארזיכערט פאר די קומענדיגע יארן."

**אסעמבלימעמבער וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין אונזערע בריקן און קאלווערטס פירט נאכאמאל איין ניו יארק סטעיט'ס אנטשלאסנקייט צו באשיצן און פארבעסערן אונזער אינפעסטרוקטור לענגאויס די סטעיט, פארשטערקערן עקענאמישע אנטוויקלונג און אונזער לעבנס קוואליטעט."

**פרעזידענט פון ניו יארק סטעיט קאונטי הייוועי סופעראינטענדענטס אסאסיעשן דשעפרי סמיט האט געזאגט,** "זייט איר אנהייב, איז BRIDGE NY געווען א געוואלדיגע צוגאב צו קאונטי הייוועיס דעפארטמענט'ס באמיאונגען אנצוהאלטן, צו באארבעטן און פארבעסערן שטאנדהאפטיגקייט פון אונזער ברייטע סיסטעם פון בריקן און קאלווערטס. לאקאלע גאווערמענטס זענען פאראנטווארטליך פאר די ריזיגע מערהייט פון ראודס און האלב פון די בריקן אין די סטעיט, אזוי ארום זענען די סטעיט אינוועסטמענטס אין בריקן און קאלווערטס קריטיש צו אונזער געטיילטע מיסיע. צייטליכע BRIDGE NY באלוינונגען ערמעגליכן קאונטיס צו אדרעסירן די קריטישע אינפעסטרוקטור געברויכן און פארמיידן פון אפצושטופן פראיעקטן, האלטנדיג קאסטן צו א באדייטנדע סעיווינגס פאר שטייער-צאלער. NYSCHSA הייבט ארויס גאווערנער קעטי האקול און דעפארטמענט פאר טראנספארטאציע קאמישענער מארי טעריז דאמינגאז פאר זייער צוזאמענארבעט און שטארקע שטיצע פון סטעיט געלטער פאר לאקאלע ראוד און בריק פראגראמען פאר די גוטסקייט און זיכערהייט פון די רייזנדע פאבליק."

**פרעזידענט פון NYSAOTSOH גרעג האלבערג האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט אסאסיעשן אוו טאון סופעראינטענדענטס פון הייוועיס, אינק. ( The New York State Association of Town Superintendents of Highways, Inc.) (NYSAOTSOH), די סטעיט'ס גרעסטע טראנספארטאציע אסאסיעשן, אפלאדירט גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע

פאר'ן פאראויסריקן דאס יאר'ס פאזע פון BRIDGE-NY. עס וועט שטיצן לאקאלע גאווערמענטס פון אלע מאסן לענגאויס די סטעיט צו העלפן אנהאלטן קריטישע טראנספארטאציע אינפעסטרוקטור. לאקאלע ראודס און בריקן נעמען זיבן און אכציג פראצענט פון NYS ראודס, און מער ווי האלב פון אירע בריקן. די געלטער איז קריטיש פאר אונזער עקענאמישע עקזיסטענץ און פאר די זיכערהייט פון די רייזנדע פאבליק."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן